# באשיצט אייך אנטקעגן פאליא

פאליאמייעליטיס, אדער פאליא, איז א ווייראל אינפעקציע פאראורזאכט דורך די פאליאווייראס, א מין פון ענטעראווייראס. די קראנקהייט איז אידענטיפיצירט דורך פאראליזירונג אדער שוואכקייט אין ארעמס, פיס אדער ביידע. עס זענען נישט געווען קיין פעלער פון ווילדע פאליאווייראס אין די U.S. זינט 1979.

די מערסט וויכטיגסטע וועג פאר קינדער און ערוואקסענע זיך צו באשיצן פון פאליא איז צו ווערן וואקסינירט גלייך אויב זיי האבן נישט באקומען אלע רעקאמענדירטע פאליא וואקסין דאזעס. קינדער זאלן באקומען פיר דאזעס פון פאליאווייראס וואקסין אנגעהויבן פון 2 מאנאטן. מענטשן וואס טוען אנהויבן די וואקסין סעריע נאך די עלטער פון 4 זאלן באקומען א סך הכל פון דריי דאזעס.

ערוואקסענע וואס זענען געווען אינגאנצן וואקסינירט אלץ קינדער און וואס זענען אין א ריזיקע פון ווערן אויסגעשטעלט צו פאליאווייראס יעצט זאלן באקומען איין ערוואקסענע בוסטער דאזע וואקסין.

<u>**וואס איר דארפט וויסן וועגן פאליא**</u>

**ווער באקומט פאליא?**
אן אומוואקסינירטע פערזאן — קינד אדער ערוואקסענע — קען באקומען פאליא ביי סיי וועלכע עלטער.

**וויאזוי ווערט פאליא פארשפרייט?**
פאליאווייראס איז מערסטנס מאל פארשפרייט צו מענטשן וואס זענען נישט פולקאם וואקסינירט אנטקעגן פאליא דורך פיסיס (פופ) פון אן אינפעקטירטע מענטש אויף די הענט אדער אביעקטן. אפט וואשן די הענט, ספעציעל נאכ'ן נוצן די טוילעט און נאכ'ן טוישן וויינדלען, איז זייער וויכטיג. עס איז אויך מעגליך צו פארשפרייטן די פאליאווייראס דורך שפייאכץ און רעספעראטארי טראפן. פאליאווייראס איז גרינג פארשפרייט אין אומוואקסינירטע הויזגעזונט.

**וואס זענען די סימפטאמען פון פאליא?**
מערסטנס מענטשן אינפעקטירט מיט די פאליאווייראס טוען נישט האבן קיין סימפטאמען, כאטש זיי קענען נאך אלץ זיין אנשטעקיג. איין אין פיר מענטשן אינפעקטירט מיט פאליאווייראס אינפעקציע וועלן האבן פלו-סארט סימפטאמען, אזוי ווי האלז ווייטאג, פיבער, מידקייט, איבלען און בויך ווייטאג. בערך פיר אין 100 (4%) מענטשן מיט פאליאווייראס אינפעקציע האבן מענינזשייטוס, אן אינפעקציע פון די פליסיגקייט און מעמברעינס פון די מח און שדרה. בערך איין אין 200 (0.5%) מענטשן מיט פאליאווייראס אינפעקציע האבן פאראליזירונג.

**ווי שנעל נאך די אינפעקציע טוען סימפטאמען ערשיינען?**
מענטשן וואס זענען אויסגעשטעלט צו די פאליאווייראס קענען אנטוויקלען אינפעקציע דריי ביז זעקס טעג נאכ'ן אויסשטעלונג, פאראליזירונג וואלט פאסירט צווישן זיבן און 21 טעג נאכ'ן זיין אויסגעשטעלט.

**ווען און פאר ווי לאנג קען א מענטש פארשפרייטן פאליא?**
די פאליאווייראס איז זייער אנשטעקיג. פאציענטן מיט פאליאווייראס אינפעקציע קענען פארשפרייטן די ווייראס איידער און ביז צו צוויי וואכן נאך זיי האבן ערשט געהאט סימפטאמען. אבער, פאציענטן קענען פארשפרייטן די קראנקהייט ווילאנג די ווייראס איז אין זייער פיסיס אדער שפייאכץ. פאליאווייראס קען זיך פארשפרייטן פון מענטשן אפילו זיי האבן נישט סיי וועלכע סימפטאמען.

**װעלכע װאַקסינען זענען אַװעילעבל פאַר פּאַליאָ?**
עס זענען דאָ צװײ מינים פון פּאַליאָ װאַקסין: אַ לעבעדיגע אָפּגעשװאַכטע װײרוס מויל װאַקסין און אַ נישט אַקטיװע װײרוס אײנשפּריצן װאַקסין. **זינט 2000, איז בלויז די נישט אַקטיװע װײרוס אײנשפּריצן װאַקסין געװאָרן אַװעילעבל אין די U.S., כאָטש די לעבעדיגע אָפּגעשװאַכטע מויל װאַקסין קען נאָך װערן גענוצט אין אַנדערע לענדער.**

די אײנשפּריצן װאַקסין װערט געגעבן דורך אַן אײנשפּריץ אין די פיס אָדער אָרעם און קען נישט פאַראורזאַכן פאַראַליזירונג. די װאַקסין איז פאַרזיכערט, איז זײער װירקזאַם און קען אײך נישט געבן פּאַליאָ. זײַטיגע װירקונג פון די אײנשפּריץ זענען מילד, אַרײַנגערעכנט אָרעם און פיס װײטאָג דאָרט װי די אײנשפּריץ איז געגעבן געװאָרן.

**װאָס איז אַ װאַקסין-באַקומענע פּאַליאָװײרוס (Vaccine-derived Poliovirus, VDPV)?**
VDPV איז אַ סאָרט פון די אָפּגעשװאַכטע פּאַליאָװײרוס װאָס איז געװען אַרײַנגערעכנט אין די לעבעדיגע אָפּגעשװאַכטע װײרוס מויל װאַקסין. VDPV האָט זיך געטוישט איבער צײַט און פירט זיך אויף מער װי די װילדע פּאַליאָװײרוס. עס קען זיך גרינגערהײט פאַרשפּרײטן צו מענטשן װאָס זענען נישט װאַקסינירט אַנטקעגן פּאַליאָ און װאָס קומען אין באַרירונג מיט די פּיסיס, שפּײַאכץ אָדער רעספּעראַטאָרי טראָפּן, אַזוי װי פון אַ נוס, פון אַן אינפעקטירטע מענטש. אַזוי װי מיט װילדע פּאַליאָװײרוס, VDPV קען פאַראורזאַכן קראַנקהײט, אַרײַנגערעכנט פּאַראַליזירונג, אין מענטשן װאָס זענען נישט װאַקסינירט אַנטקעגן פּאַליאָ.

**װיאַזוי קען מען פאַרמײַדן פּאַליאָ?**
פּאַליאָ און אירע קאָמפּליקאַציעס קען מען פאַרמײַדן מיט װאַקסינאַציע. װאַקסינאַציע באַשיצט אַנטקעגן בײדע װילדע מיני פּאַליאָװײרוס און VDPV. די אײנציגסטע װירקזאַמע קאָנטראָל מיטל צו פאַרמײַדן אינפעקציע איז צו אָנהאַלטן די העכסטע מעגליכע װאַקסינאַציע שטאַפּלען אין די קאַמיוניטי.

**װיאַזוי קענען מענטשן װערן װאַקסינירט אַנטקעגן פּאַליאָ?**
רעדט צו אײער העלט קעיר פּראָװײדער אָדער אײער קינד'ס פּראָװײדער צו באַשטימען אַן אַפּױנטמענט פאַר װאַקסינאַציע אַנטקעגן פּאַליאָ און אַנדערע סכנה'דיגע קראַנקהײטן, אַזוי װי מיזעלס, מאַמפּס, װאָפּינג היסן, טשיקנפּאָקס און COVID-19. אויב איר האָט נישט אַ פּראָװײדער, רופט **311** אָדער **844-692-4692** פאַר הילף צו טרעפן אײן — קעיר װערט צוגעשטעלט אין ניו יאָרק סיטי אָפּגעזעהן פון אימיגראַציע סטאַטוס, אינשורענס אָדער מעגליכקײט צו באַצאָלן.

אויך, קינדער אין עלטער פון 4 יאָר און עלטער קענען באַקומען זײער װאַקסין בײַ די ניו יאָרק סיטי העלט דעפּאַרטמענט'ס Forte Greene Health Center אויף 295 Flatbush Ave. Ext., Fifth Floor, Brooklyn, NY פיפטע שטאָק, ברוקלין, ניו יאָרק, פון מאָנטאָג ביז פרײַטאָג, 8:30 צופרי ביז 2:30 נאָכמיטאָג. צו מאַכן אַן אַפּױנטמענט, באַזוכט **nyc.gov** און זוכט פאַר **"immunization clinic"**.(**אימיוניזאַציע קליניק**).

**טוט פריערדיגע אינפעקציע מיט פּאַליאָ צושטעלן אימיוניטעט?**
נישט דװקא. עס זענען דאָ דרײַ מיני פּאַליאָװײרוס — אינפעקציע מיט סײַ װעלכע אײן מין טוט צושטעלן אימיוניטעט צו יענע מין אָבער נישט צו די אַנדערע צװײ מינים. פּאַליאָ איז אַ געפאַרפולע קראַנקהײט און װערן װאַקסינירט איז די בעסטע באַשיצונג.

**װאָס איז די באַהאַנדלונג פאַר פּאַליאָ?**
עס זענען נישט דאָ קײן ספּעציפישע מעדעצינען אָדער אַנטיביאָטיק װאָס אַרבעט אַנטקעגן פּאַליאָ. מענטשן מיט פּאַליאָ דאַרפן מעדיקעל קעיר צו אַדרעסירן מעגליכע קאָמפּליקאַציעס פון די קראַנקהײט און פאַר ערהױלונג.

**די ניו יאָרק סיטי העלט דעפּאַרטמענט קען טוישן רעקאָמענדאַציעס װילאַנג די מצב אַנטװיקלט זיך.**

7.28.22